**גוט שבת אלע אידן.** *המשך פון ראש השנה...* "ווען איך בין געווען 13 יאר אלט, זענען מיינע עלטערן געקומען וואוינען אין ווילנע. מיר זענען גליקליך געווען צו וואוינען לעבן דעם גאון, זי"ע. יעדען טאג ווען דער ווילנער גאון פלעג לערנען, איז עס געווען אזוי ווי מוזיק פאר אונזערע אויערן. איין נאכט, ווען מיין טאטע איז אהיימגעקומען פון א שווערן טאג ארבעט איין זיין געשעפט, האט מיין טאטע געהערט דער גאון זאגן, "מניחין חיי עולם ועוסקים בחיי שעה" – זיי לאזן אפ דעם נצחיותדיגען לעבן, ד"ה עולם הבא, דורך נישט עוסק זיין אין רוחניות און זיי זענען פארנומען מיט עולם הזה. (שבת י.) דער גאון האט דעם חז"ל געזאגט עטליכע מאל. די שטארקייט מיט וואס דער גאון האט געזאגט די ווערטער נאכאמאל און נאכאמאל האט געמאכט אזא מורא'דיגען רושם אויף מיין טאטען, אז דעם נעקסטען טאג האט ער געזאגט פאר מיין מאמע אז ער מוז פארלאזן זיין געשעפט און גיין נאר לערנען די הייליגע תורה! און אזוי האט מיין טאטע טאקע געטון. ער האט זיך פארשפארט אין א שטוב וואו ער האט געלערנט תורה, און קיינער איז נישט ערלויבט געווען אים צו שטערען. ער האט געהאלטן אז ער איז עוסק געווען אין דעם ציל פון זיין לעבן.

דורך דעם האט מיין טאטע געלאזט מיין מאמע נעמען אחריות פאר געבן צו עסן פאר די ניין קינדער. זי האט נישט געקענט פארוואלטן (מאנאדגשען) מיין טאטענס געשעפט, וועגן דעם האבן מיר געדארפט עס פארקויפן. ווען דאס געלט איז אויסגענוצט געווארן, האט זי געדארפט זוכן אנדערע וועגן צו מפרנס זיין די משפחה. די איינציגסטע וועג ווי זי האט דעמאלט געקענט מפרנס זיין די משפחה איז געווען דורך פארקויפן ברויט און פיצען אנדערע מענטשנס הייזער. כאטש עס איז געווען א מורא'דיגע בושה פאר איר, האט זי געטון עס כדי מיין טאטע זאל קענען לערנען טאג און נאכט.

איין טאג, האט מיין מאמע צוזאמענגערופן די גאנצע משפחה ארום איר, און זי האט געזאגט, 'מיינע טייערע קינדער, איך קען מער נישט געבן צו עסן פאר אייך אלע צוויי מאל א טאג, איר דארף מסתפק זיין מיט איין סעודה א טאג, דעם מיטאג, (די נאכמיטאג סעודה – ד"ה לאנטש.)

מיר האבן נישט געקענט אויסהאלטן. דאס הונגער איז געווען שטארק. די ביסל וואס מיין מאמא האט יא אהיימגעברענגט האט זי געדארפט צעטיילן צווישן 11. איך האב געטראכט אז אויב איך גיי נישט נעמען מיין פארציע, וועט עס זיין אביסל מער עסן פאר מיינע ברידער און שוועסטערס. וועגן דעם האב איך אויסגעטראכט א מעשה און עס דערציילט פאר מיין מאמע אז אין מיין חדר האט מען אנגעהויבן צו געבן מיטאג פאר אלע יונגלעך.

פאר צוויי יאר האב איך דערציילט די ליגענט יעדעס מאל ווען מיין מאמע האט מיך געפרעגט אויב איך האב געגעסן מיטאג דעם טאג. באמת האב איך נאר געגעסן די שיירים וואס די אנדערע קינדער האבן איבערגעלאזט. איך בעט יעצט מחילה פונעם אייבערשטען ווייל איך האב געזאגט ליגענט פאר מיין מאמע דורך די צוויי יארן."

דער אינגערמאן האט געענדיגט זיין רייד און די אנדערע האבן אים אנגעקוקט מיט גרויס יראת הכבוד. זיי האבן נישט געוואוסט פון דעם יונגען תלמידס גדלות. וועגן דעם זענען זיי געווען איבערגענומען מיט גרויס התרגשות ווען ער האט געענדיגט רעדן.

ר' ישראל האט געקוקט אויבן און ער האט געזאגט, "ג-ט אין הימעל, אין די ערשטע סליחות פאר ראש השנה זאגן מיר 'פנה נא על התלאות ואל לחטאות' מיר בעטן פון דיר אז דו זאלסט קוקן אויף די שוועריגקייטן וואס מען האט דורכגעלעבט די פארגאנגענע יאר און נישט קוקן אויף אונזערע חטאים. מיר בעטן אז די שוועריגקייטן אליינס זאלן מכפר זיין אויף אונזערע זינד. יעצט בעט איך דיר רבונו של עולם, קוק אויף אונזער זינד! קוק אויף וואס דער אינגערמאן רופט א זינד. די זענען די חטאים פון דיינע קינדער! אין זיין זכות זאלסטו כביכול רחמנות האבן אויף אונז אלע!"

ר' ישראל האט קוים געענדיגט זיינע ווערטער ווען דאס רעגען האט זיך געענדיגט. א שטיק צייט שפעטער האבן די וואלקענעס געעפענט אביסל און שטראלן פון דעם זון האבן דורכגעשיינט אויפן ים. דאן צוביסלעך האט דאס ווינט אוועקגעבלאזן אלע וואלקענעס און דער ים איז געווארן רוהיג. די גרופע אידן אויף די שיף איז געווארן בארוהיגט פאר דעם ערשטען מאל אין עטליכע טעג. ר' ישראל האט געהייסן אז דער עולם זאל זאגן צוזאמען קאפיטל ק' "מזמור לתודה" צו באדאנקען דעם אייבערשטען פאר די נס האט ער האט געטון פאר זיי. דער קאפיטאן אן אלע מאטראסן (סעילארס) וואס אלע פון זיי זענען געווען גוים, זענען געשטאנען מיט גרויס כבוד קוקן אויף דעם רב מיט זיין הייליגען פאלק. עס איז געווען אן אמתן קידוש ה'. פון דעמאלט ביז זיי זענען אנגעקומען קיין א"י עטליכע וואכן שפעטער, איז די נסיעה געגאנגען גלייך, אן קיין שווערן וועטער.

ווען דער סאטמאר רב זצ"ל האט געהערט די מעשה האט ער געזאגט "דאס איז וואס משה רבינו האט געטון." די ירושלמי דערציילט אז ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו ע"ה אז וידוי אין יום כיפור וועט מכפר זיין אויף די זינד פון כלל ישראל, האט משה געענפערט מיט זאגן קפיטל ק', צוליב דעם הכרת הטוב וואס ער האט געהאט אז דער אייבערשטער וועט זיי מוחל זיין. (שבועות ו:)

וידוי איז א חלק פון טון תשובה. לויט דעם של"ה הקדוש, מיינט וידוי: "לפני ה' ישפוך שיחו, ויפרט חטאיו בהכנעה באימה וביראה ברתת וזיע וכו' לבקש מחילה וסליחה וכפרה ממלך מוחל וסולח ברוך הוא." (מסכת יומא - הלכות תשובה יז) ד"ה וידוי דארף מען טון מיט אן ערנסטקייט. זאגט דער של"ה ווייטער "וזהו פירוש מה שאומרים בנוסח על חטא, על חטא שחטאנו לפניך בוידוי פה, רוצה לומר שהודו לא היה אלא בפה ולא בלב." ד"ה וידוי דארף מען טון מיט דעם הארץ, אין זין האבן וואס מען זאגט. יעצט אין די טעג פאר יום הקדוש, קענען מיר אלע זוכה זיין צו א גמר חתימה טובה דורך טון תשובה מיט דעם גאנצן הארץ. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר חיים מנחם מענדל פעלבערבוים הי"ו לרגל שמחת לידת בנו

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!**

**א גמר חתימה טובה אלע אידן.** בשעת נעילה זענען אסאך מענטשן שוואך פונעם צום. אבער, עס איז פונקט דעמאלט ווען מען האט דעם כח אויסצובעטן. דאס איז אפשר מרומז אין פסוק, "הוי כי גדול היום ההוא מאין כמהו ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע." (ירמיהו ל,ז) ד"ה די ישועה קומט אין די שווערסטע זמן. איז לאמיר שוין דערציילן אן אינטערעסאנטע יום כיפור מעשה וואס וועט און מעורר זיין אין דעם יום הקדוש.

דער סלאצקער רב, ר' יחזקאל אבראמסקי ז"ל, וואס איז נפטר געווארן בערך 38 יאר צוריק, איז געווען דער אב בית דין אין לאנדאן. אין זיינע יונגע יארן, האט ר' יחזקאל געוואוינט אין רוסלאנד אינטער די קאמוניסטען ימ"ש. איין טאג איז ר' יחזקאל ליידער ארעסטירט געווארן און געשיקט קיין סיביר. ר' יחזקאל האט דערציילט פאר ר' שלום שוואדרון ז"ל די פאלגענדע מעשיות וועגן זיין צייט אין לאגער.

אין דעם טאג ווען ר' יחזקאל איז אנגעקומען קיין סיביר, האבן די רוסישע רשעים ימ"ש געצוואונגען די איינגעשפארטע חברה אויסצוטון זייער שיך און זאקן און דעמאלט האבן זיי געדארפט לויפן אויף די הארטע פארפרוירענע ערד. דורך דעם זענען אסאך ליידער אומגעקומען על קידוש השם, הי"ד.

ווען ר' יחזקאל האט פארשטאנען ווי שווער די מצב איז געווען, האט ער געדאווענט צום אייבערשטען זאגן "טאטע (אזוי פלעגט ער רופן דעם באשעפער) עס שטייט אין דיין הייליגע גמרא, 'הכל בידי שמים חוץ מצינים ופחים.' (כתובות ל.) (ד"ה א מענטש דארף טון השתדלות קעגען דעם קעלט און היץ) געוועינטליך קען איך טון השתדלות צו זיין אפגעהיטן פון ווערן פארקילט. אבער דא אין דעם וועטער, וואו איך האב נישט קיין ווארעמע קליידונג, קען איך גארנישט טון. איך בין אין דיין הענט! ביטע טאטע, באשיץ מיך!" ב"ה, דורך אלע יארן וואס ער האט געליטן און סיביר, איז ר' יחזקאל קיינמאל נישט פארקילט געווארן!

די צווייטע מעשה וואס ר' יחזקאל האט דערציילט איז געשען אין דעם טאג ווען ער איז ב"ה באפרייט געווארן פון דעם לאגער אין סיביר. די גוטע בשורה וועגן זיין באפרייאונג איז געקומען ערב יום הקדוש. א רוסישע אפיסער איז פלוצלינג געקומען צו ר' יחזקאל און ער האט אים געזאגט "דו מעגסט פארלאזן די לאגער היינט." מיט די ווערטער האט דער אפיסער געגעבן פאר ר' יחזקאל א פירפעל בילעט (טיקעט) פאר דעם באן, כדי ער זאל קענען אהיימפארן.

ר' יחזקאל האט שנעל צוזאמענגענומען זיינע זאכן, (וואס זענען געווען ווייניג, ווייל די רוסישע האבן אים נישט געלאזט האלטן גארנישט.) דאן האט ער זיך געאיילט צו דעם גרויסן טויערן פונעם לאגער. ער האט געוואלט פארלאזן דעם לאגער, פאר די רשעים וועלן טוישן זייער מיינונג!

בשעת ר' יחזקאל איז געגאנגען אויפן וועג ארויס, איז געקומען צו אים אן אנדערער רוסישער אפיסער. דער אפיסער האט ארומגעקוקט צו זען אויב איינער קוקט זיי אן. דאן האט אים יענער אפיסער געפרעגט, "היינט גייסטו אהיים?" "יא," האט געענטפערט מיט א נערוועזקייט. יענער אפיסער וואס האט יעצט אפגעשטעלט ר' יחזקאל האט זיך נישט אזוי שיין אויפגעפירט מיט אים דורך זיינע יארן אין סיביר.

"לאמיר זען דיין בילעט (טיקעט)," האט דער אפיסער געבעטן. ר' יחזקאל האט עס ארויסגענומען פון טאש און עס געוויזן פאר דעם אפיסער. דאן האט יענער אפיסער געפרעגט "דו ביסט א דאכאוונער (א רב)?" יעצט איז עס שוין געווען צו שפעט פאר ר' יחזקאל צו זאגן ליגענט, ווייל זיי האבן אלעס סיי ווי סיי געוואוסט. וועגן דעם האט ר' יחזקאל מודה געווען אז ער איז טאקע א רב. דער אפיסער האט נאכאמאל ארומגעקוקט צו מאכן זיכער אז קיינער קוקט זיי נישט אן. דער אפיסער האט געקוקט אויף דעם פירפעל בילעט וואס ר' יחזקאל האט געהאלטן אין זיין האנט, און דאן האט ער עס פלוצלינג אוועקגענומען פון ר' יחזקאל. דעמאלט האט דער אפיסער מיט דעם זעלבן שנעלקייט ארויסגענומען א צווייטע בילעט וואס איז געווען געל און ער האט געזאגט, "דא האסטו... נעם די געלע בילעט. די בילעט וואס זיי האבן דיך געגעבן וואלט דיך געשטעלט אין דעם באן קאר וואס האט נישט קיין הייצונג וואו דו וואלטס זיכער געשטארבן פון קעלט. די בילעט וואס איך גאב דיר יעצט וועט דיך ערלויבן ארויפצוגיין אויף א באן קאר מיט הייצונג. דאן האט דער אפיסער ארומגעקוקט א דריטע מאל. זיכער אז קיינער קוקט זיי נישט אן, האט דער אפיסער געזאגט "איך בין אויך א איד. איך האב טאקע חרטה אז איך בין געווען אזוי אכזריותדיג מיט דיר. ביטע זיי מיך מוחל. איך האב געדארפט פאלגן זייערע באפעלן." האט דער איד געזאגט.

ר' יחזקאל האט נישט געגלייבט וואס ער האט געהערט פון דעם איד. "דער איד ווייסט נישט אפילו אז ס'איז ערב יום כיפור און ער האט מיך איבערגעבעטן!" האט ר' יחזקאל געטראכט. דער אפיסער האט געגעבן זיין האנט צו אים, און ר' יחזקאל האט אים מוחל געווען בלב שלם. דאן איז ר' יחזקאל סוף כל סוף ארויסגעגאנגען פון דעם פארשאלטענע ארבעטס לאגער אין סיביר.

ר' יחזקאל האט געזען אז ער וועט נישט אהיימקומען ביז נאך יום הקדוש. וועגן דעם איז ער אראפגעגאנגען פונעם באן פריער אין א שטעטל וואו ער האט געוואוסט אז עס איז דארט א שול. כאטש אפילו ער איז יעצט ארויסגעקומען פון דעם לאגער, האט ער זיך מוסר נפש געווען צו גיין דאווענען אין א שול, וואו די רוסישע האבן געשטעלט שפיאנען צו זען ווער עס קומט צום דאווענען. ער איז געווען אזוי מורא'דיג פאריאגט אנצוקומען פאר די זמן, אז ער האט נישט געקענט מאכן קיין קאנטאקט מיט זיין משפחה צו זאגען אז ער איז באפרייט געווארן. נישט נאר דאס, אבער ער האט אויך גארנישט געגעסן ערב יום כיפור! ער איז אריינגעגאנגען צום יום הקדוש הונגריג און אויסגעמוטשעט, אבער, ער איז ב"ה באפרייט געווארן!

מוצאי יום הקדוש איז ער ארויפגעגאנגען אויף א באן קיין ליטע, וואו ער האט צום סוף געכאפט דעם באן קיין ווארשא. אויף דעם לעצטע שטיקעל וועג, האט ר' יחזקאל געטראפן ר' אלחנן וואסערמאן הי"ד, זיין חבר, דער ראש ישיבה אין בראנאוויץ. זיי זענען געפאלן איינער אויף דעם צווייטן, מלא שמחה זיך צו טרעפן נאך עטליכע יארן וואס זיי זענען נישט געווען צוזאמען.

"דו ביסט באפרייט געווארן ערב יום כיפור, אמת?" האט ר' אלחנן געפרעגט זיין ידיד ר' יחזקאל. "יא, דאס איז גערעכט," האט ר' יחזקאל געענטפערט מיט אן איבערראשונג אין זיין שטימע. "אבער... ווי אזוי האסטו דאס געוואוסט? איך האב נישט געהאט די געלעגנהייט צו מודיע זיין פאר קיינעם וועגן מיין באפרייאונג!" האט ר' יחזקאל געזאגט.

דאן האט ר' אלחנן געזאגט, "איך בין געווען ערב יום כיפור אין ראדין ביי דעם חפץ חיים. פלוצלינג, האט דער חפץ חיים זיך אפגעשטעלט און געזאגט, 'ברוך השם, די באלשעוויקן (קאמוניסטען) האבן נישט געקענט אויספועלן זייער פלענער.' איך האב געקוקט אויף אים מיט א פארוואונדערונג." האט ר' אלחנן געזאגט ווייטער. "איך האב נישט געהאט קיין אנונג וואס ער זאגט, ביז ער האט צוגעלייגט, 'זיי האבן יעצט באפרייט דעם סלאצקער רב!'"

עס זענען דא אין די מעשה אסאך אינטערסאנטע נקודות וואס זענען נוגע צום יום הקדוש. אבער די עיקר כוונה פון דערציילן די מעשה איז נאר ארויסצוברענגען דאס וואס שטייט מרומז אין פסוק וועגן יום כיפור "כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם וכו'" (ויקרא טז,ל) די טאג אליינס איז מטהר. אפילו מען האט נישט מכוון געווען ביים זאגן "לדוד, ה' אורי," און נישט ביי די תקיעות נאכן דאווענען, און מען האט נישט אין זין געהאט וואס מען זאגט ביי סליחות, און נישט ביי התרת נדרים און נישט אין ראש השנה, און נישט אין צום גדליה און נישט אין עשי"ת, און נישט ביי די שלוש עשרה מדות, און נישט ביי תשליך, און נישט ביי כפרות און נישט ביים טובלן פונעף מאל און עסן ערב יום הקדוש, און נישט ביים כל נדרי וכו', קען מען נאכאלס אריינכאפן אין די הייליגסטע העכסטע צייט אין די שעה פון נעילה ווען די טויערן פארמאכן זיך. דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין מיט דעם אייבערשטענס העלף צו א גמר חתימה טובה. **א גמר חתימה טובה אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר חיים מנחם מענדל פעלבערבוים הי"ו לרגל שמחת לידת בנו
נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)
נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!